בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בהר בחוקתי תשפ"ו    שבת חזק אבות פרק ד    גליון 841 [שנה י"ח]

**דרוש דורך הארעווען אין תורה וועט זיין גרינגער פרנסה**

אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם וְנָתְנָה הָאָרֶץ יְבוּלָהּ וְעֵץ הַשָּׂדֶה יִתֵּן פִּרְיוֹ: (כו ג) שטייט אין מדרש ספרא, אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ -- מלמד שהמקום מתאוה שיהיו ישראל עמלים בתורה, אז דער אויבערשטער גלוסט אז מען זאל הארעווען אין תורה, און דוד המלך זאגט (תהלים פ"א י"ד) לוּ עַמִּי שֹׁמֵעַ לִי יִשְׂרָאֵל בִּדְרָכַי יְהַלֵּכוּ: כִּמְעַט אוֹיְבֵיהֶם אַכְנִיעַ וְעַל צָרֵיהֶם אָשִׁיב יָדִי: אויב די אידן וועלן הארעווען אין תורה וועל איך מכניע זיין זייער פיינט, און ישעי' הנביא זאגט: (ישעיהו מח, יח) לוּא הִקְשַׁבְתָּ לְמִצְוֹתָי וַיְהִי כַנָּהָר שְׁלוֹמֶךָ וְצִדְקָתְךָ כְּגַלֵּי הַיָּם וַיְהִי כַחוֹל זַרְעֶךָ וְצֶאֱצָאֵי מֵעֶיךָ כִּמְעֹתָיו לֹא יִכָּרֵת וְלֹא יִשָּׁמֵד שְׁמוֹ מִלְּפָנָי". דורך היטן די מצוות וועסטו האבן שלום און וועסט האבן גוטע קינדער, און אזוי שטייט (דברים ה, כו) מִי יִתֵּן וְהָיָה לְבָבָם זֶה לָהֶם לְיִרְאָה אֹתִי וְלִשְׁמֹר אֶת כָּל מִצְוֹתַי כָּל הַיָּמִים לְמַעַן יִיטַב לָהֶם וְלִבְנֵיהֶם לְעֹלָם: פירט אויס דער מדרש מלמד שהמקום מתאוה שיהיו עמלים בתורה. און רש"י שרייבט אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ, שתהיו עמלים בתורה, און עס איז אינטערעסאנט אז דער מדרש איז מצרף דער בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ פון עמלות בתורה, און וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ היטן די מצוות, און דער מדרש ברענגט פון פסוקים די מעלות וואס דער מענטש וועט האבן פון דעם, קען מען זאגן לענ"ד אז עמלות בתורה איז נישט נאר לערנען, נאר זיך ארייין טאן אין לערנען מיט יגיעה און דאס מיינט עַל תּוֹרָה, קומט די משנה (אבות ג ה) און זאגט, כָּל הַמְקַבֵּל עָלָיו עֹל תּוֹרָה, מַעֲבִירִין מִמֶּנּוּ עֹל מַלְכוּת וְעֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ, און דער ברטנורא איז מסביר דֶּרֶךְ אֶרֶץ: עמל וטורח הפרנסה, דאס מיינט אז דער וואס האט אויף זיך דער עול התורה און הארעוועט אין תורה, וועט ער נישט דארפן הארעווען אויף פרנסה, נאר עס וועט אים אנקומען גרינג, לפי שמלאכתו מתברכת, ער וועט האבן א ברכה אין זיין פרנסה, און דער תפארת ישראל שרייבט אז ווייל דער מענטש פירט זיך העכער פון די טבע, און הארעוועט, וועט דער אויבערשטער מאכן מיט אים ניסים, לפי די הקדמות איז הפלא אונזער פסוק, אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, אויב דו וועסט הארעווען אין תורה און היטן די מצוות, וועט זיין וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם וְנָתְנָה הָאָרֶץ יְבוּלָהּ וְעֵץ הַשָּׂדֶה יִתֵּן פִּרְיוֹ: אלעס גרינג און שלא כדרך הטבע, מיט דעם קען מען פארענטפערן וואס מען פרעגט אז שכר מצוה האי עלמא ליכא? נאר דאס איז ווען מען טוט די מצוות געהעריג, און מען האט א זכות, איז די שכר קומט לעתיד לבא, אבער ווען מען טוט מצוות למעלה מן הטבע, פירט דאך דער אויבערשטער למעלה מן הטבע און דאס איז נישט נאר א זכות, און אויף דעם צאלט מען גלייך. (שמח זבולון תשפ"ו)

**אויף אנכי און ולא יהי' לך איז דא שכר אויף די וועלט**

וַאֲכַלְתֶּם יָשָׁן נוֹשָׁן וְיָשָׁן מִפְּנֵי חָדָשׁ תּוֹצִיאוּ: (כו י) עס איז באוואוסט דער באקאנטער שמועס פון וואס שטייט (קידושין לט:) שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, איז מחדש דער בכור שור אז דער אויבערשטער איז חלילה נישט עובר אויף "ביומו תתן שכרו" וואס ער גיט די שכר ערשט בעולם הבא, נאר ווייל די הלכה איז אז אויב א בעל הבית דינגט א ארבעטארער דורך א שליח איז דער בעה"ב נישט עובר אויף בל תלין, ווייל דער בעה"ב זאגט צום ארבעטארער איך האב דיר נישט געדונגען, און דער שליח זאגט אז דער בעה"ב האט מיר געשיקט דיר צו דינגען, איז דא דער באקאנטע חת"ם סופר וואס זאגט לפי"ז אז דאס איז גוט אויף די תרי"א מצות, וואס איז געגעבן געווארן צו כלל ישראל דורך א שליח, משה רבינו, אבער די צוויי ערשטע דברות פון אנכי און ולא יהי' לך האבן די אידן געהערט פון אויבערשטן אליין, דעריבער ביי זיי איז יא דא שכר אויף די וועלט עכ"ד חת"ם סופר, ממילא קען מען מרמז זיין וַאֲכַלְתֶּם, איר וועט עסן און האבן שכר אויף די וועלט, יָשָׁן נוֹשָׁן, ביי די צוויי מצות פון אנכי ולא יהיה לך, וואס זענען גאר אלט, דאס מיינט מען האט זיי שוין געגעבן צו די בני נח פאר מתן תורה, און וְיָשָׁן די אלטע באפוילונגען, מִפְּנֵי חָדָשׁ תּוֹצִיאוּ, האט דער אויבערשטער דאס איבער עס ניי געגעבן ביי מתן תורה, און דארטן האט מען דאס געהערט פון אויבערשטן אליין, דעריבער וַאֲכַלְתֶּם, איז דא שכר אויף די צוויי מצות, בהאי עלמא. (כבוד שמים הגאון רב אברהם שטערן בעל מליצי אש ועוד באשריבן אין גליון פ' יתרו תשפ"ו )

**דער פסוק איז א ברכה**

וְאֶתְכֶם אֱזָרֶה בַגּוֹיִם וַהֲרִיקֹתִי אַחֲרֵיכֶם חָרֶב: (כו לג) מען וואלט געקענט ממתיק זיין דעם פסוק אויף לטובה, [כידוע אז די צדיקים האבן אפגעטייטש די תוכחה אויף ברכות] לפי וואס עס שטייט (פסחים פז ע"ב) אויפן פסוק צִדְקֹת פִּרְזוֹנוֹ בְּיִשְׂרָאֵל (שופטים ה יא) דער אויבערשטער האט געמאכט א צדקה וחסד מיט כלל ישראל און זיי פארשפרייט צווישן די פעלקער און רש"י איז מסביר כדי מען זאל נישט קענען פארניכטן חלילה כלל ישראל, אויב זיי וועלן זיין אין איין פלאץ, דאס שטייט וְאֶתְכֶם אֱזָרֶה בַגּוֹיִם, דער אויבערשטער וועט פארשפרייטן די אידן בין האומות, ממילא וַהֲרִיקֹתִי. א לשון פון ליידיגן, אַחֲרֵיכֶם חָרֶב עס וועט נישט זיין א שווערד אויף זיי. (מעטה נפתלי באשריבן אין דעם גליון)

**ידיעות וועגן פריערדיגע ספרים "ספר מעטה נפתלי".** [פרק כו]

הגאון רבי נפתלי בהרה"ג ר' צבי הירש סופר שרייבער, האט חתונה געהאט מיט מרת ביילא די טאכטער פון רבי נתן שפירא, ער איז געווען א תלמיד פון רבי אהרן גרינבערג, און פון רבי אהרן דוד דייטש, דער מהר"ם שיק, און רבי יחזקאל באנעט און ביים כתב סופר, ער איז נתקרב געווארן צו הרה"ק ר' הערשל מליסקא דער אך פרי תבואה, און איז געפארן עטליכע מאל קיין צאנז צום הייליגן דברי חיים זיע"א, שנת 'תרל"ז איז ער געווארן דיין אין קליינווארדיין. און געשריבן תשובות מיטן מהר"ם שיק, רבי מרדכי לייב וינקלר, רבי אברהם יהודה שווארץ דער קול אריה' און די מהרש"ם, אינטרעסאט אז דער הייליגער מנחת אלעזר מונקאטש ברענגט פון אים דברי תורה און אויך רבי ישראל אלטר אברהם לנדא אב"ד עדעלין




אײדעם פון הרה"ק ר' ישעיה מקערעסטיר זיע"א, דער ספר מעטה נפתלי על התורה ועל המועדים איז געדרוקט געווארן שנת תרע"ד דורך זיין איידעם רב משה צבי לנדא, ער איז נפטר געווארן ט"ו ניסן תרע"ג און ליגט אין קליינווארדיין.

## מדור העובדות

## ****דער הייליגער בארדיטשבוער מאכט א פשרה וועגן א שמעק טאבאק וואס האט געברענגט רייכקייט צו איינעם *****

ר' זלמן איז געווען א עושר און א גוט הארץ און שטענדיג געהאט מיט זיך א זילבערנעם טאבאק פושקע מיט פיינע טאבאק און מחיה געווען אידן מיט דעם, ביי אים אין שטעטל האט געוואוינט ר' מענדל א גרויסער ארימאן, וואס האט זיך געשעמט צו בעטן צדקה, ער האט פארדינט אביסל געלט צו געבן זיין משפחה ברויט און וואסער, איין ערב יום כפור, איז ביי ר' מענדל'ס הויז געווען ווייניג עסן, און נאכן געבן זיין משפחה דאס ביסל ברויט, איז אים נישט געבליבן פאר זיך פאר די סעודה פאר יו"כ און ער איז געגאנגען צו שול מיט א ליידיגן מאגן.

די מענטשן האבן שוין געזאגט "תפילה זכה," און ר' מענדל עפענט זיין מחזור צו תפילה זכה, אבער ער האט נישט געקענט אויפהערן צו געדענקען זיין הונגער און נישט געקענט פארשטעלן ווי ער וועט דורכמאכן דעם יו"כ! עס איז אים איינגעפאלן אז א גוטע שמעק טאבאק וועט אים העלפן, און איז צוגעגאנגען צו ר' זלמן, וואס איז געווען איינגעוויקלט אין זיין טלית און האט געזאגט תפילה זכה. ר' זלמן האט ארויפגעקוקט, דארט שטייט ר' מענדל, מיט א שמייכל אויף זיין פנים, "ר' זלמן, קענט איר מיר געבן א שמעק טאבאק?"" פרעגט ר' זלמן "מאכסטו ליצנות? אין אזא הייליגע צייט פארגינסטו זיך דעם פארגעניגן פון א שמעק טאבאק? זעסט נישט אז איך זאג תפילה זכה?" ר' מענדל איז געווארן געפאלן ביי זיך און איז צוריק צו זיין פלאץ, ער קוקט אין זיין מחזור אבער ער האט נישט געקענט זאגן די ווערטער, און געוויינט "הער פון די וועלט," איך בין אזוי נידעריג, אז מענטשען האלטן אז איך בין נישט ווערט א שמעק טאבאק!"

דאס האט געשאפט א גערודער אין הימל און די מלאכים האבן פרובירט גוט זאגן אויף ר' זלמן אז ער איז געווען א אונס אבער די מקטרגים האבן אויסגעפירט, און מען האט באשלאסן אז ר' זלמן מוז פארלירן זיין רייכקייט און עס זאל איבערגעגעבן ווערן צו ר' מענדל! נאך יום כפור איז ר' מענדל געגאנגען אין גאס און געזוכט עפעס א ארבעט וואס וועט אים ברענגען אביסל געלט, ווען ער טרעפט זיין קרוב וואס ער האט נישט געזען פאר א לאנגע צייט. און ער פרעגט ווי גייט עס?" ר' מענדל ענטפערט "עס איז זייער שווער." "נו, עס איז א נייעם יאר, איך גיב די דריי הונדערט רובל, און מאך געשעפטן מיט דעם," ר' מענדל'ס פנים האט זיך אויפגעלויכטן, און שטארק באדאנקט זיין קרוב.

ר' מענדל האט גענומען האנדלען און וואס ער האט געמאכט איז געווען מיט הצלחה און ביז א קורצע צייט איז ער געווארן א גרויסער עושר! אין די זעלבע צייט האט ר' זלמן ל"ע אלעם פארלוירן, און האט געמאכט ביי זיך א חשבון הנפש: וואס האט ער דען געטאן אז דער אויבערשטער האט אים אזוי געשטראפט, און אזוי האט ער מחליט געווען צו פארן צו הרה"ק ר' לוי יצחק אין בארדיטשוב, דער בארדיטשובער זאגט אז דער אויבערשטער פירט א פונקליכע חשבון און דו מוזט טראכטן וועמען האסטו ווי געטאן, "טראכט נאך טיפער!" "יא, יא, איך געדענק אז יענעם יום כפור, איז ר' מענדל צוגעקומען צו מיר אין מיטן זאגן תפילה זכה און מיר געבעטן א שמעק טאבאק, און איך האב אים אפגעזאגט, און אפשר איז דאס געווען צו שטארק?"

"יא," זאגט רב לוי יצחק, "דאס איז די מקור פון דיין אומגליק, דו ווייסט נישט וואס א שמעק טאבאק האט געמיינט צו אים אין יענע מינוט און דיין אויפפירן איז געווען א שטאך אין זיין הארץ." איך בין טאקע שולדיג! אבער ווען איך ווייס זיין מצב וואלט איך גערן געגעבן, וואס בין איך שולדיג?" ענטפערט דער בארדיטשובער: "עס איז פארפאלן, אבער איך האב א שטיקל האפענונג פאר דיר, ווארט אויף די ריכטיגע צייט ווען ר' מענדל וועט זיין גאר פארטיפט אין א ענין און בעט אים טאבאק און אויב ער וועט דיר נישט געבן וועסטו באקומען צוריק דיין עשירות!"

ר' זלמן ווארט און ווארט גליקלאך ווען ער הערט אז ר' מענדל'ס טאכטער איז געווארן א כלה מיטן זון פון רב, און ער וועט ביי די חופה צוגיין צו ר' מענדל און בעטן א שמעק טאבאק, און זיכער וועט ער אים אפזאגן און אזוי וועט ער באקומען צוריק זיין עשירות! אומר ועושה, ר' מענדל איז געשטאנען לעבן דעם רב אונטער דער חופה און דער רב פרעגט: "ר' מענדל, האסטו די כתובה?" "יא, איך האב עס דא," האט ער ענטפערט, פלוצלינג אין יענע מינוט שפירט ר' מענדל ווי איינער טאפט אים אויף זיין אקסל, און האט זיך אויס געדרייט און זעהט אז ר' זלמן שטייט דארט, און פרעגט "ר' מענדל, קענט איר מיר אפשר געבן א שמעק טאבאק?" ר' מענדל קוקט אויף די כלה צו ווארטן, און רוהיגערהייט ארויס גענומען זיין זילבערנע פושקע און געזאגט: "זלמן נעם וויפיל דו ווילסט!" הערענדיג די ווערטער איז ר' זלמן געפאלן חלשות, און מען האט אים געמוזט אוועקנעמען צו דערמינטערן.

נאך די חופה איז ר' מענדל געקומען זעהן וואס מאכט ר' זלמן און ער האט געזען אויף אים א שטארקע צובראכנקייט, פרעגט אים ר' מענדל: "ביסטו נישט געזונט?" ענטפערט אים ר' זלמן: "איך בין געזונט און שטארק, איך בעט דיר גיי צוריק און פריי זיך מיט די חתונה פון דיין טאכטער!" "אבער, דו זעסט נישט אויס געזונט, איך בעט דיר דערצייל מיר וואס איז אויף דיין הארץ, אפשר וועל איך דיר קענען העלפן?" ענטפערט אים ר' זלמן איך וועל דיר אלעם דערציילן נאך די חתונה, און אין יענע נאכט האט ר' מענדל אויס געהערט ר' זלמן'ס ווייטאג, ר' מענדל איז געווען א גוטע נשמה און געזאגט: מיר וועלן ביידע גיין קיין בארדיטשוב און עפעס אויס ארבעטן, און דער הייליגער בארדיטשובער איז נתפעל געווארן פון ר' מענדל און פארגעלייגט א פשרה, ביזטו מסכים זיך צוטיילן מיט ר' זלמן אין זיין פארמעגן? ר' מענדל האט גלייך מסכים און געזאגט "די העלפט פון אלץ גייט צוריק צו ר' זלמן, און איך בין אים מוחל בלב שלם." דער הייליגער בארדיטשובער האט געבענטשט ר' מענדל, ר' זלמן האט געלערנט אז מען דארף שטענדיג אין אלע אומשטענדן העלפן א איד!


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

ישמח משה שייך להרה"ק מטאש עם כתב ידו מעיר טאש עם אישור $10000 סעט ישמח ישראל אלכסנדר דפו"ר נדיר $2000 ספר מדרש תלפיות שהיה שייך להרה"ק ר' יעקב ישכר בער מסלאטפינא בן הרה"ק ר' מאיר מקרעטשניף בן הרה"ק ר' מרדכי מנדבורנא חתימתו $1500 תולדות יעקב יוסף דפוס מעזיבוז $3000 סידור אור הישר שייך להרה"ק ר' אלעזר שפירא אדמו"ר מסאנוק $1500 ספר אמרי יהודה מברעזאן עה"ת דפו"ר $1000 א זעלטענער משניות כרך א' אמ"ד תכ"ד וואס דאס איז לכאורה דער איינציגסטער גאנצע ספר $25000 חי' הרמב"ן שייך להגה"ק מקלויזנבורג זצוק"ל $3500 תניא הוצאת האלף שחילק הרבי מלובאוויטש י"א ניסן תשמ"ד $850, ספר דינים ומנהגים לביהכ"נ דחברת אחים ברעסלויא תקצ"ג לא ידוע $2000 סעט מדרש רבה שנתן הרה"ק ר' יהוסף הלוי מקאסאן בעל בני שלישים לחתן תרע"ג $1200 דולר מכסף 1926 מידיו של הרבי מלובאוויטש $6000 ספר עם חתימת הרה"ק ר' אברהם דוד מבוטשוטש $12000 חומש ויקרא סלאוויטא עם חתימת הרה"ק ר' חיים מקאסוב בעל תורת חיים $55000 גמ' שלמד בו הרה"ק ר' איציקל מפשעווארסק $2000 תהלים שאמר בו הרה"ק ר' שלמה מבאבוב כל חודש אלול תשנ"ח $15000 טלית קטן של הבית ישראל מגור $18000 דפו"ר קדושת לוי מהדורא תנינא תקס"ו חסר השער ו6 דפים $4500 ספר מעבר יבוק זיטאמיר $2000 ספר עם חתימת הרה"ק ר' צדוק הכהן $48000 רזיאל המלאך שייך להגאון ר' משה סופר אב"ד טיסע פעריד ור' שלמה הכהן שטראססער ור' משה זיכערמאן $1000 מכתב האמרי אמת מגור מבקש מש"ב לעזור לחתן אחיו ומברכו בעשירות $3500 מכתב הרה"ק ר' מנחם מנדל מפביאניץ הי"ד $1500 מכתב המנחת אלעזר עם ראשי הקהל לחתונת בתו עם ברכתו $8000, דולר שנתן ובירך האדמו"ר מטאש לחתן הבאבא סאלי $2000 מכתב ארוך שנת תש"ז מאגודת ישראל ארה"ב מבקשים עזרה מאגודת ישראל לונדון עזרה חותמים אדמו"ר מבלאזוב, ר' אלי מאיר בלאך, ר' שמעון שוואב, אלימלך טרעס ור' הענדעלס $3800 מכתב הרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא $1800 סידור כוונת הרש"ש של אדמו"ר מהוסיאטין $18000 סידור של האדמו"ר מטאש זצ"ל עם הזכרות $15000 שו"ע יו"ד ח"ב וחו"מ ח"א סלאוויטא $3000 כל אחד, ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2500 ספר מטה משה ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2500 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 טשעק חתום מבעל ישועת משה מוויזניץ $700, צוואת ר' אהרן הגדול טשערנאוויץ תרט"ז $1000 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30,

To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website www.seforimworld.com